# צוגרייטן דעם טיש

**העלען:** שמואל, חנהלע, קומט און העלפֿט
צוגרייטן דעם שבת־טיש!

**חנהלע:** : שמואל קומט נישט. ער הערט נישט.
ער זיצט בײַם קאָמפּיוטער מיט הערערלעך און
קוקט אויף אַ פֿילם.

**העלען:** נו, וועט ער דערנאָך צוהעלפֿן
אַרײַנלייגן די כּלים אינעם כּלים־וואַשער.

**העלען:** אַ טישטעך, לײַכטערס, ליכט, אַ
בעכער, חלה־טישטעך.

**חנהלע:** אַ טישטעך, לײַכטערס, ליכט, אַ
בעכער, חלה־טישטעך.

**חנהלע:** איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף, זעקס
טעלער, איין גלאָז, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף,
זעקס גלעזער,
גאָפּלען,
און מעסערס,
לעפֿל און סערוויעטקעס.